№ 212 | Opłata pocztowa uiszczona ryczałtem | פרייז 20 גראשען | Lodzer Tageblat

# לאדזער טאגעבלאט

רעדאקציע און אדמיניסטראציע: פיעטריקאווער 16. טעלעפאנען פון: רעדאקציע 57, פון אדמיניסטראציע 47. | דינסטאג, ה' אלול תרפ"ט. | 10 września 1929 r. | 22=טער יאהרגאנג.

# ווידער א אנפאל פון אראבער אויף „בית הכרם“

## אראבער רופען צו בויקאטירען די יודען און נישט צו פערקויפען זיי קיין ערד

## העכסטער מוסולמענישער ראט פאדערט א אינטערנאציאנאלע אויספארשונגס-קאמיסיע

## אראבישע דעלעגאציע פאהרט אפ קיין לאנדאן

## שארפע אויפרעגונג פון גאנצען ישוב צוליב די ארעסטען פון דער זעלבסטשוץ

## קאלאניסטען פון עמק פאדערן נייע ארבייטס-הענט

### אנפאל פון אראבער אויף „בית הכרם“

ירושלים, 9. (יט"א) דער ישוב איז ווידער בעאונרוהיגט געווארען פון נייע איבערפאלען פון אראבישע רוצחים. הטנט ביינאכט איז פארגעקומען א איבער־פאל אויף דער פארשטאט פון ירושלים „בית הכרם“. אויך אין אנדערע טיילען פון לאנד איז נאכנישט רוהיג.

די גאנצע פאריגע נאכט האט מען אין ירושלים געהערט אפטילכען שאסען.

### אראבער רופען צו בויקאטירען יודען

ירושלים, 9 (יט"א) די אראבער רופען אין זייער פרעסע צו בויקאט די יודען. אין אויפרוף דעם בויקאט ווערט געזאגט: מיר ווילען אלף פערקויפען אונזערע שונאים א האץ ערד. קויפען אבער ביי יודען טאר מען גארנישט. דער אויפרוף צו בויקאט ווערט אויך פערשפרייט אין אלע שכנות'דיגע לענדער.

### אראבישע דעלעגאציע קיין לאנדאן

ירושלים, 9, (יט"א) די אראבישע דעלעגאציע. די מעג פאהרט שוין אפ קיין לאנדאן

### העכסטער מוסולמענישער ראט פאדערט א אינ־טערנאציאנאלע אויספארשונגס-קאמיסיע

ירושלים, 9. (יט"א)
דער העכסטער מוסולמענישער ראט האט זיך געווענדעט צום הויך קאמיסאר מיטענסעלאר מיט אפאדערונג צו בע־שטימען א אינטערנאציאנאלע אויספאר־שונגס-קאמיסיע, ווייל די אראבער האָ־בען נישט קיין צוטרוי צו די ענגלישע ריכטער. די אראבער ווילען בעטראכטען פאר אונלעגאל די אויספארשונג, וואס וועט דורכגעפיהרט ווערען דורך יע־די־שע ריכטער.

ירושלים, 9. (י.ט.א.) די אראבער פאדערן, אז די אויספארשונג פון די געשעהענישען זאלען פיהרען נאר ענגלענדער. בכלל איז די שטימונג גישט קיין קלארע. די קלאנגען זענען זיך סותר. מען קען נישט דרינגען, אז די אראבער ווילען דורכאויס די אויספארשונג זאל געפיהרט ווערען דורך ענגלענדער.

### די קאלאניעס פון „עמק“ פאדערן נייע ארבייטס-הענד.

ירושלים, 9. (יט"א)
אלע קאלאניעס פון עמק פערלאנגען דרינגענד נייע ארבייטס-קרעפטען, ווייל פיל קאלאניסטען מוזען שטעהן אויף דער וואך און דאס שטערט זיי און דער פעלד-ארבייט.
די ציוניסטישע עקזעקוטיווע אין ירו שלים האט צוגעזאגט זייער בּיטע צו ערפילען.

### שארפע אויפרעגונג איז ישוב

#### געגען די ארעסטען פון דער זעלבסט-שוץ.

ירושלים, 9. (יט"א)
די יודישע פרעסע און א"י רעדט מיט א שטארקער אויפרעגונג וועגען דעם ארעסט פון קאלאניסט ברוידא און מוצא, אונזש. מילער מיט זיינע צוויי זוהן און חיפה און איניגע קאלאניס־טען פון יבניאל.
דער „דואר היום“ שרייבט אז אזא פריוואלוניע פאר מערדער האט מען אפילו נישט געוואוסט און רוסלאנד אין די צארישע צייטען.
ירושלים, 9. (יט"א)
אונטערן פערבאט פון האלטען גע־וועהר און בענוצען זיך דערמיט זענען ארעסטירט געווארען 22 יודען און גאנ־צען לאנד. 4 פון זיי ווערען בעשולדיגט אין מארד. איינעם פון זיי האט מען גע־צוואונגען אונטערצושרייבען א פראטא־קאל איידער די אויספארשונג איז נאך פארגעקומען.
ירושלים, 9. (יט"א)
אנוזשי מילער און געלטען בעפרייט געווארען אויף קויציע פון 500 פונט זיין יונגערער זוהן אויף 300 פונט. זיין עלטערען זוהן האט מען נישט געוואלט בעפרייען אויף קויציע.

### אראבישע וואכענבלעטער פערוואנדעלט אין טאג בלעטער

ירושלים 9 (י.ט.א.) אלע אראבישע וואכענבלעטער האבען אנגעהויבען ערשיינען אין א קלענערן פארמאט טעגליך.

הוי נפלה עטרת ראשנו!

אחרי מחלה כבדה וממושכה גוע ויאסף אל עמיו איש תם ישר ומצוין באדם

נ"ע יצחק צבי ב"ר יהואש ז"ל ראבינאוויטש

(יליד קובנה).

הלויתו למנוחת עולמים תהי' היום ביום ג', ה' אלול תרפ"ט (10/9) בשעה 1 אחה"צ מבית-האבל רחוב שדרי 1. מאי (פאסאוש-שולץ) 5

השרויים בצער עמוק:

אשתו, בניו, כלותיו, אחיו ונכדיו.

אכטונג האנדווערקער!

מיר מאכען בעקאנט אלע די, וואס האבען זיך איינגעשריבען אויפ'ן פוזנער אויספלוג אז געניערע מעלדונגען וועגען דעם אויספלוג וועלען זיי בעקומען צוגעשיקט אהיים.

גלייכצייטיג זענען מיר מודיע אלע אונזערע מיטגלידער און סימפאטיקער, אז דער טערמין פון אויספלוג איז בעשטימט געווארען אויף שבת דעם 14 ד. ח. אין אווענד. איינשרייבען קען מען זיך נאך ביז דעם 12 ד. ח. יעדען טאג פון 10 ביז 2 פארם. און פון 5—9 אין אווענד. די קאסטען פון אויספלוג צוזאמען מיט'ן גאנצען אויפהאלט אין פוזען בעטרעפען 50 זלאטים.

צענטראלער יודישער האנדווערקער-פערבאנד

אין לאדז און אומגעגענד, פאלודניאווא 4

קורסען פון גימנאסטיק, ריטמיק און פלאסטיק

אונטער דער לייטונג פון

ז. קרוש און מ. אלפערן זאכאדניא 66 טעל. 68-55

קאמפלעט פאר דאמען און קינדער, פאר ארבייטענדע פרויען אווענד-קאמפלעטען. אנהויב פון שול-יאהר דעם 16 סעפטעמבער.

איינשרייבונגען נעמט אן דער סעקרעטאריאט פון די קורסען פון 9 סעפטעמבער טעגליך פון 5—8, טעל. 68-55.

אנאנסען אין „לאדזער טאגעבלאט“ האבען דעם גרעסטען ערפאלג

שבת ד. 14 ד. ח. 10 פריה קומט פאר א פארלעזונג פון ה' משה ערעם

זאל פילהארמאניע נארוטאוויטשא 20

י. ס. ד. א. פ. „פועלי-ציון“ לאדזער ארגאניזאציע

סעקרעטאר פון דער א"י-ארבייטער-פארטיי „פועלי-ציון“ און מיטגליד פון ראט פון דער אלג. ארב.-ארגאנ. (הסתדרות)

א. ד.ט.: דער אמת וועגן יודיש-אראבישן פראבלעם אין פאלעסטינע

טעזען: 1) נאציאנאלער אדער סאציאלער פראבלעם, 2) ציוניזם און נאציאנאל-אראבישע בעוועגונג, 3) אין לאגער פון די פעאדאלען און יודישע פלאנטאטארען. — 4) זשאבאטינסקי'ס גוואַרדיע „ברית שלום“ און אראבישע אינטעליגענץ. — 5) חיימאנ'ס סאציאליסטען און אל היסינס קאמוניסטען. — 6) דער וועג פונ'ם מארקסיסטישען אינטערנאציאנאליזם.

בילעטען צו בעקומען אין די פראפעסיאנעלע פעראיינען און אין זאל פון נעז. אווענט-קורסען, זגערזשער 17.

בעקאנטמאכונג.

דערמיט מאכען מיר בעקאנט, אז פאר נישט אויספיהרען די בעשלוסען פון בעקער-צעך ווערט

ה' יוסף לאזינגער אלעקסאנדריסקא 24

אויסגעשלאסען אלס מיטגליד פון בעקער-צעך אין לאדז

דער עלטסטער פון בעקער-צעך

משה פאזנאנסקי.

רחל קאהן מיט משה קאפלאוויטש

7/9 פערלאבט 1929

צו די פערלאבונג פון אונזער ל. טאכטער רחל קאהן מיט ה' משה קאפלאוויטש ווינשן מיר א הערצליכען מזל-טוב און א גליקליכע צוקונפט

הענך קאהן און פאמיליע.

לעזט און אבאנירט דאס „לאדזער טאגעבלאט“

